„Radomer-Kielcer Leben" 29 (319) „Należytość pocztową uiszczone ryczałtem" VII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

ראדאמער-קעלצער לעבן

הײנט 8 זײטען.

Radom, Piątek 25 Lipca 1930 r.

ראדאם, פרייטאג כ״ט תמוז תר״ץ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט אנטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

ווי לאנג איז דער שיעור, פון א שטאדט זאל זיין איינגעטוהן אין מחלוקה?

אונזער היימיש לעבען דא אויפ'ן ארט איז שוין יאהרען לאנג ווי עלעקטריזירט. מיר לעבען תמיד אין ערווארטונג פון סורפריזען, סענסאציעס און גלאט „וויכטיגע" נייעס. אויף יעדען שבת, יום-טוב, דערלאנגט מען אונז מיט אלע שבת'דיגע, אדער יום-טוב'דיגע מאכלים א בעזונדערען קאנפעקט, וואס איז אנגעפיהלט מיט געווירץ פון אמביציעס, סקאנדאלעכלעך און אינטריגעס. קוים געזעהן דורך א רוהיגע וואך און עס פעהלט אויף שבת די זאויגער קאמפאט איז מען איבריג נישט צופרידען און עס דאכט זיך, ווי מ'וואלט אונז א ביסעל בע'עוולה'ט, איינשפארענדיג פון די שבת'דיגע מטעמים.

אין פלוג מאכט עס דעם איינדרוק, אז די שטאדט קריגט זיך טאקע און אז אין דער דאזיגער קריעג נעמען אנטייל אלע איינוואהנער פון שטאדט. ווער ס'קען אבער ראדאם, הייסט, אז ס'איז נישט אזוי. די שטאדט איז א גאנץ רוהיגע. די איינוואהנער האבען וועניג אין זין די קהל'שע געשעפטען און זענען גלייכגילטיג צו אלצדינג וואס פאסירט אין ארטיגען יודישען לעבען. נאך מעהר: דער דורכשניטליכער ראדאמער יודישער איינוואהנער איז בטבע א צוריקגעהאלטענער און וועט קיינמאהל נישט פון אייגענער איניציאטיוו רעאגירען אויף א זאך, מעג עס זיין אפילו א סקאנדאליעזער ענין געגען וואס ער אליין איז אויפגעבראכט. צווישען אייגענע וועט ער אפשר אויסדריקען זיין פראטעסט און דאס אויך אויף זעהר א פארזיכטיגען אופן. ארומקוקענדיג זיך פון אלע זייטען, צי ס'הערט נישט עמיצער אונטער. ער וועט דעם פראטעסט אין זיך דערשטיקען, אריינשרייען אין ארבעל און מעהר וועט ער אליין גאר נישט טוהן. דער כלל ראדאמער איז אין זיין נאטור א פחדן און א שטיקעל עגאאיסט. קוים שפירט ער, אז מיט זיין אינטערווענץ, אדער פראטעסט-ארויסטריט וועט ער אפשר מיט עפעס ריזיקירען, דאן בעהאלט ער זיך אין א פאטעגן-ווינקעלע מ'זאל איהם צומאלט נישט זעהן. ער איז דאן מוחל די גערעכטיגקייט און אויף צו פערשרייען די עוולה, דאס גיעט ער איבער א צווייטען. אין בעסטען פאל, ווען ער וועט זיך אנכוהן א כח און וועט צושאקלען מיט'ן קאפ (כאטש אויך קלאר וועט מען נישט וויסען, וואס זיין שאקלען מיט'ן קאפ בעדייט, צי פראטעסט, אדער עפעס אנדערש) וועט עס זיין א גרויסער זשעסט פון זיין זייט. אויף ראדאם ווערט שוין לאנג געזאגט, אז ס'איז א שטאדט פון אף-מיין-דאגה'ניקעס.

דער וואס קען אלזא נעהנטער די פסיכאלאגיע פון ראדאמער איינוואהנער, וועט געוויס ארויסזאגען זיך, אז ראדאם גופא בעלאנגט נישט צום אוואנטוריסטישען, אדער קאמפפלוסטיגען כאראקטער. פערקעהרט, די שטאדט איז א רוהיגע, א שטילע, יעדער געהט פון דער זייט אויסמיידענדיג אלע מעגליכסטע קאנפליקטען אויפ'ן פערזענליכען און נאך מעהר אויפ'ן געזעלשאפטליכען בעדען.

נאך אנ'אינטערעסאנטער שטריך איז צו בעמערקען אינם פסיכישען מהות פון יעדען געוועהנליכען ראדאמער יוד. איהם אימפאנירט שטענדיג דער זיעגער און ער וועט אייך אוועקשענקען זיין בראווא און אנערקענונג, אויב איהר וועט בעהערשען די לאגע און אלץ אריינעמען אין אייער האנד. פון אזעלכען, וואס בעווייזט גבורות האט ער הנאה און מעג אלע מאהל דער זיעגער זיין א צווייטער — מאכט דאס פונדעסטוועגען נישט אויס. עס געהט נישט וועגען זיעגער, נאר וועגען זיעג און וואו דער זיעג געהט, דא ברויך מען מיטהאלטען. אויף דעם געביעט זענען ראדאמער יודען דעמאקראטען. ס'שאדט נישט, וואס נעכטען האט מען אויסגעלאכט דעם וואס איז געלעגען אונטער דער באנק. קוים האט יענער בעוויזען זיך איבערצודרעהען און איז פון זיין בעדראהטע פאזיציע ארויס דער זיעגער, לאכט מען שוין נישט מעהר, נאר מען אפלאדירט מיט גרויס בעגייסטערונג.

אלזא היוצא לנו מדברינו, איז ראדאם אן פאר זיך גיט קעמפפעריש געשטימט. אויב עס ברעכט אויס א וועלכער ס'איז געזעלשאפטליכער קאנפליקט, איז עס נאר די שולד פון עטליכע פערזאנען, וואס זענען אנגאזשירט און אפשר גאר טיף אינטערעסירט. פערשטעהט זיך, אז יעדער פון די קעמפפער הילט זיך אין א אידעאישער דעקאראציע, כדי אזוי ארום צו געפונען סימפאטיקער און מיטלויפער. די ערשטע סימפאטיקער, אדער בעסער געזאגט, צוהעלפער, רעקרוטירען זיך פון משפחה, בעקאנטע און מקורבים. פון דעם שאפען זיך דערנאך צוויי לאגערען און דער קאמפף איז פערטיג. אזוי ט'הייסט, אז די שטאדט פיהרט א מחלוקת. אין דער אמת'ן אבער שטעהט די שטאדט פון דער ווייטענס, איז פאסיוו כל-זמן דער קאמפף איז בעגרעניצט אויף א געוויסען שטח און אין די מאסען נישט נוגע. קוים אבער ווערט דער קאמפף אויסגעברייטערט — און דאס ווערט געוועהנליך געטוהן על-פי-רוב פון די קאמפפס-איניציאטארען מיט דער כוונה אריינצוציהען די שטאדט — און דער קאמפף הויבט זיך פיהלען אויף די הויט פון די ברייטערע מאסען, דאן פערקאכט זיך א קאשע און ס'ברעכען אויס עפענטליכע סקאנדאלען פון א גאר גרויסען פערנעם.

אט אזוי פערשטעהען מיר, ערקלערט זיך די סבה פון די אונאויפהערליכע קאמפפען ארום דער גמינע און מ'וואלט שוין דעריבער די העכסטע צייט געווען ס'זאל א סוף נעמען צו די דאזיגע קאמפפען, וועלכע שטיקען שוין משום

טאג = בוך
פון א ראדאמער זעלבסטמערדער.

— דו האסט גארנישט געזינדיגט, דער גענעראל וויל נישט זאלסט איהם שטערען. ער וויל לעבען מיט דיין פרוי און טעכטער פראנק און פריי און נישט ברויכען פאר דיר צו קאמפלירען זיך. יא, איך האב אונטערגעהערט א שמועס צווישען איהם און דיין פרוי און איך האב דייטליך געהערט, ווי ער האט געזאגט צו איהר די ווערטער: אויב דו האסט מיך באמת ליב, זאלסטו מיר ערלויבען, נישט בלויז ערלויבען, נאר צו רעדען דיינע שעהנע טעבעטערלעך זיי זאלען לעבען ביי מיר פונקט אזוי ווי מיט דיר—דיין פרוי האט נישט בפירוש בעשטעהן און זיך געבעטען ביי איהם ער זאל דאס נישט טוהן, ווייל זי שעמט זיך פאר דיר, וואס בעט איהר מאן, און, אז ס'איז גענוג, וואס ער דער גענעראל לעבט מיט איהר. דער גענעראל האט שוין גארנישט גערעדט מעהר, נאר מיר אין דער שטיל געזאגט, אז ער וועט דיך פערשיסען ע גייץ און איך זאל דיך דערשיסען און צו דעם צוועק האט ער ארויסגעבראכט די מעשה מיט'ן שטאב.

— און מיין פרוי ווייסט פון דעם, אז דער גענעראל האט דאס אויסגעטראכט— האב איך געפרעגט דעם דענשטשיק.

— דאס ווייס איך נישט. דיינע טעכטער ווייסען העכסטמס נישט דערפון.— שיס מיך!— האב איך פערצווייפעלט אויסגעשריען— איך האב שוין מעהר נישט צו וואס צו לעבען אויף דער וועלט, שיס מיך—

— ניין, איך וועל דיך נישט דערשיסען, איך קען נישט. האסט זיך נישט פערדינט אזעלכעס — האט דער דענשטשיק געענטפערט מיט א שווערען זיפץ.

— פארוואס שיסטו מיך נישט? דיין גענעראל האט דאך דיר בעפוילען און ווען דו וועסט נישט הארכען, וועט ער דיר נישט שווייגען—

— איך בין אויך א יוד — האט דער דענשטשיק אין דער שטיל אויסגעברומט. צומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען צי מ'זעהט נישט—איך האב מיך אויך צוליב די שרעקליכע פאגראמען אויף אוקראינע פערשטעלט פאר א רוס און אזוי ארום אנטקומען אין פעטליורא'ס ארמעע. דער גענעראל ווייסט אויך נישט דערפון. ניין, איין יוד קען נישט און טאר נישט שיסען א צווייטען יוד. בפרט נאך ווען יענער איז אומשולדיג.

— וואס-זשע דען וועט זיין? וואס וועט דער גענעראל זאגען?— האב איך געצאפעלט פון איבערראשונג.

— שרעק זיך נישט—האט דער דענשטשיק ווייטער גערעדט—איך וועל דיך ערגיץ איינארדנען ביי מיינעם א גוטען בעקאנטען רוס. דארט וועט דיר חלילה קיין שלעכטס נישט געשעהן און איך וועל געהן צום גענעראל און זאגען, אז איך האב אויסגעפיהרט זיין בעפעהל. פערלאז זיך אויף מיר. איך וועל אלע מאהל קומען צו דיר און דיר וועגען אלעם מיטטיילען. קום מיט מיר, האב גאר נישט קיין מורא—

און מיר זענען אוועק אין א ווייטען דארף.

דער דענשטשיק האט מיך איבערגעלאזט ביי זיינעם א בעקאנטען אוק-

אין דער איבערגאנגס-צייט.

פון א גאלדבערג (רעד. פון „היינט") (ספעציעל פאר'ן „ראד. קעלצער לעבען")

מיר לעבען איצט איבער אין ציוניזם א איבערגאנג'ס-צייט, וואס נאך איהר דארף די לאגע אויפגעקלערט ווערען, דארף קומען די ענטשיידונג.

ווייל אזוי ווי עס איז איצט קאן דאך נישט בלייבען. עס איז זיך אוממעגליך אפילו אויף איין מינוט פארצושטעלען, אז די מויערען פון ארץ-ישראל זאלען באמת בלייבען פערשלאסען פאר אונזער חלוצים עליה. עס איז זיך אויך אוממעגליך פארצושטעלען, אז די פאדערונגען פון די אראבער וועגען פערבאטען אין ארץ-ישראל דעם באדען-פערקויף צו יודען זאלען נאכגעגעבען ווערען אין דער פולער מאס. אפילו די פערטרעטער פון דער ענגלישער רעגירונג אין גענף ווי אין לאנדאן, האבען ערקלערט די עליה-גזירה אלס „פראוויזארישע", ווייל אויך זיי פערשטעהען — ווי זיי האבען זיך אויסגעדריקט, — אז מען קאן דאך נישט בויען קיין יודישע נאציאנאלע היים אהן א יודישער איינוואנדערונג. עס ווערט אבער אלץ דערווייל אבגעלייגט ביז'ן בעריכט פון סיר סימפסאהן, וואס געפינט זיך אין ארץ-ישראל. ער דארפט עס זיין דער פוסק אחרון אין ענינים פון עליה און באדען-פערקויף.

דאן הייסט עס וועט די לאגע ערשט אויפגעקלערט ווערען, דאן וועט עס קומען די ענטשיידונג. אבער ווי וועט זי אויסזעהען. די דאזיגע ענטשיידונג וועלכע עס דארף ברענגען א בעססערע טער. פאר דאס לעבען פון אלטען און גרויסען יודישען פאלק?

די ידיעות פון לאנדאן דערצעהלען, אז פרעזידענט ד"ר ח. ווייצמאן האט נאך א לענגערע הפסקה בעזוכען אין קאלאניאל-אפיס און ער האט זיך אין פערלויף פון איינינע טעג צוויי מאהל געטראפען מיט לארד פאספילד. מיר וויסען אויך, אז די עקזעקוטיווע האט דורך דער פערמיטלונג פון לארד רידינג, לארד מעלטשעט און פרעזידענט פון ועד הלאומי פנחס רוטענבערג, צוגעשטעלט דער ענגלישער רעגירונג א ברייט-אויסגעארבעטען פלאן וועגען רעגולירען די ענינים צווישען די יודען און אראבער אין ארץ-ישראל. אפשר וועט אויף דעם באדען אונטער דער צייט געשעהן עפעס וויכטיגעס.

אבער אויב די ענינים וועלען גיין מיט זייער איצטיגען גאנג איז העכסט וואהרשיינליך, אז די ענטשיידונג פון סיר סימפסאהן וואס וועט אקצעפטירט ווערען דורכ'ן ענגלישען קאבינעט וועט זיין אין אלגעמיין געגען אונזערע בערעכטיגטע פייערליך פערזיכערטע גרויס-ציוניסטישע בעשטרעבונגען אין ארץ-ישראל. עס וועט געמאכט ווערען א מין פשרה נישט צו אונזערע גונסטען. מען וועט מן הסתם יא ערלויבען א חלוצים-אימיגראציע קיין ארץ-ישראל אבער א נישט-בעדייטענדע און דאביי בעשווערט מיט פערשידענע בעשרענקונגען און אויסריידען. מען וועט נישט פערבאטען דעם באדען-פערקויף צו יודען אין ארץ-ישראל. עס וואלט געווען אן אוממעגליכקייט דאס צוטהון — אבער אויך דא וועלען איינגעפיהרט ווערען פערשידענע פארזיכטיגקייט'ס-מיטלען לטובת די געגען בעעולה'טע דורך אונז אראבער, אז דאס ערווערבען באדען וועט פאר אונז ווערען פיעל שווערער. אויב די טענדענץ איז צופרידענצושטעלען די אראבישע עפענדי'ס, וועט מען דאך ווייטער גיין אויף דער זעלבער ליניע. אלא וואס די באלפור-דעקלעראציע און דער מאנדאט און די פייערליכע פערזיכערונגען צו שאפען די יודישע נאציאנאלע היים — וועט מען יודען פרובען עפעס אונטערווארפען, אבי די ענגלישע פערטרעטער זאלען קאנען זאגען פאר דער וועלט: מיר טהוען פאר יודען אלץ וואס מען קאן, מיר היטען נאר אב אויך די אינטערעסען פון די אראבער און דאס האבען מיר זיך דאך אויך מתחייב געווען לויט דער באלפור-דעקלאראציע...

אזוי מעהר ווייניגער קאן אויסזעהן נאך סימפסאהנ'ס בעריכט, די „ענטשיידונג" און אין דעם שטעקט פאר אונז די גרעסטע געפאהר. מיר גלויבען גענוג שטארק אין אונזער נצחון און מיר לאזען נישט צו דעם געדאנק, אז אזא „ענטשיידונג" זאל זיין דויערהאפט, אבער מיר טארען שוין איצט נישט דערלאזען, אז עס זאל קומען צו דעם און אויב עס וועט דאך קומען — מוזען מיר שוין פון איצט זיין גרייט מיט דער גרעסטער ענטשלאסענהייט צו רעאגירען אויף דעם. מיר מוזען שוין איצט הונדערט מאל פערשטארקען אונזער טהאטיגקייט, אונזער גרייטקייט צו מעשים אויף אלע פראנטען, אויף אלע געביעטען.

די גאנצע יאהרען זינט ענגלאנד האט גענומען אויף זיך די עהרענהאפטע פליכט צו העלפען אונז בויען אונזער נאציאנאלער היים און ארץ-ישראל האבען מיר געשוויגען און זיך צוגעקוקט צום מיעוט-הדמות פון אינזער גרויסען אידעאל. אמת מיר האבען [illegible] געקריצט מיט די צייהן, אבער מיר האבען געשוויגען. די בערעכטיגונג איז געווען: „אבי מען לאזט אונז ארבייטען". איצט האלט עס דערביי, אז עס קאן קומען צו אזא מיעוט-הדמות ווען קיין דמות וועט שוין בכלל נישט

אין הגלדה.

לויט אונזער מיינונג האלט דער ראדיקאלפאר [illegible] געווען, אז דער [illegible] זאלען מאכען ענערגישע שריט צו צואיילען נייע קהלה-וואהלען, וועלכע ברויכען שוין לאנג [illegible] נאך דער [illegible] טער קארענץ.

ב. צוויג.

ראבינישען פויער און אליין איז ער צוריק אין יענעם דארף, וואו ס'האט געוואהנט דער [illegible] צוזאמען מיט מיין פרוי און טעכטער. ביים געזעגענען זיך האט מיר דער דענשטשיק, וועלכער האט זיך אויסגעגעבען אלס יוד צוגעזאגט, אז ער וועט דארט אין דארף אלץ פלייסיג [illegible] און וואס ס'וועט זיין פאר מיר וויכטיג און [illegible] צייט לאזען וויסען.

דער פויער, ביי וועמען כ'בין געבליבען וואהנען האט דערקענט אין מיר, אז כ'בין א יוד. אזוי אבער ווי ער איז געווען גוט בעפריינדעט מיט'ן דענשטשיק, וועלכער [illegible] ארויסגעהאלפען פון פערשידענע נויטען, האט דערביבער דער פויער געהאלטען [illegible] בעהאנדלען און זאגען, אז ס'זאל מיט מיר קיין שלעכטס נישט געשעהן. ווי כ'האב שוין פריהער דערצעהלט, איז דעמאלט די פאגראם-כוואליע געווען פערגאסען איבער גאנץ אוקראינע און צו א יוד איז געווען נישט זיכער מיט'ן לעבען. דער פויער, וועלענדיג ראטעווען מיין לעבען איז געפאלען אויף אנ'המצאה אבצווישען יעדען שפור פון מיין אידישען אויסזעהן. ער האט מיך [illegible] אין ברייטע הויזען, ארויפגעצויגען אויף מיר א רויטע רובאשקע מיט א פאר הויכע, פעסטע שטיוועל, א פוטערנעם היטעל ווי א שטריימעל איבער'ן קאפ. אין דעם נייעם הילוך האב איך באמת אויסגעזעהן ווי א [illegible] נישט געווען צו דערקענען, אז כ'בין א יוד.

דעם פויער איז גוט איינגעפאלען [illegible] אויך מיר די קליידונג האט ער מיך באמת אבגעראטעוועט פון טוידט. אין דעם נייעם [illegible] דארף, וואו כ'האב איצט געוואהנט ביים פויער זענען כסדר דורכגעריטען, אדער צו-פוס דורכגעגאנגען אהן א שיעור מיליטער פון פעטלורא'ס ארמעע און ביי יעדען דורכמארש האבען זיי זיך נאכגעפרעגט, צי ס'וואהנען דא יודען. ווי טייוולאנים האבען זיי אויסגעזעהן. א ווילדע רציחה האט געפלאמט אויף די רוגזה'דיגע [illegible] פנים'ער. ווען זיי געפינען מיך אין מיין פריהערדיגער קליידונג און זיי דערקענען אין מיר א יוד, וואלט איך אויף שטיקער צעריסען געווארען. אנגעטהונדיג מיך אלס רוס האבען זיי גוט-ברודעריש געקלאפט מיר אין [illegible]

און זיצענדיג אויף [illegible] ביי מיין פויער געפינדעוועט מיך און דעם פויער [illegible] איבערגעלאזט צו עטליכע זילבער, אזער גאלד-מטבעות פון די פולע קעשענעס, וואס זיי האבען געהאט מסתמא פון יודישע שחיטות און רויבערייען.

איך האב אזוי פערברענגט ביים פויער עטליכע טעג. דורכגאנגד בין איך ארומגעגאנגען ווי אויפ'ן עולם הדמיון. ס'האט מיך כסדר געפלאגט [illegible] מיינע אייגענע. ס'הייסט מיין פרוי און די [illegible], צו האט דער פאלקאווניק חאט מיך פערשיקט און, אז ער האט אונטערגעשטעלט דעם דענשטשיק [illegible] און אפשר זאל איך זאגען. אז דעם גאנצען פלאן מיך אפצורוימען פון פלאץ איז די בשותפות'ס [illegible] מיט מיין פרוי? ווער קאן דערגעהן די [illegible] פון א נישט-[illegible] און בעט-[illegible]. איך קאן אבער נישט פערלייקענען און מוז מודה זיין, אז

זיין. ערשט איצט האָבען מיר זיך איינגעכאַפּט, מיר האָבען זיך געמוזט אויסכאַפּען און מיר זאָגען: דאָס יודישע פאָלק האַנדעלט נישט מיט זיין גרעסטען אידעאַל, דאָס יודישע פאָלק פוישט נישט אויס זיין אויפלעבונג'ס-אידעאַל אויף קליינוועלד, דאָס יודישע פאָלק וויל די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון זיין חוב וואָס עס קומט איהם ביי ענגלאַנד און ביי דער גאַנצער קולטור-וועלט.

מיר ווילען די גרויס-צוגיגע פּריוואַטע ערפיהלונג פון די פערפליכטיגען וואָס די מאַנדאַטאָר-מאַכט אין יאָהר 52 שטעטען האָבען אויף זיך גענומען לגבי אונז.

• • •

דער אויספיהר? —

מיר האָבען מיט אונזער פּראָטעסט-אַקציע בעוויזען, אז מיר זענען גאָרנישט אזוי שוואַך ווי אנדערע און אַנדער א טייל פון אונז אַליין האָבען געמיינט. אין ענגלאַנד האָט מען דערשפירט דעם קול יעקב ווי גאַנץ שטאַרקע קלעפּ און מיר האָבען נאָך אַלע מיטלען אונזערע נישט אויסגעגעבען, מיר האָבען נאָך נישט געגעבען דעם פולען אויסדרוק די אַלע געפיהלען פון צער און צאָרען, וואָס בריזען אין אונז און דעריבער האָבען מיר נאָך נישט גענוג אויפגערודערט אויך די נישט יודישע וועלט. אונזער פּראָטעסט-אַקציע מוז ווייטער געפיהרט ווערען ביי יעדער געלעגענהייט אין אַלע פאָרמען, מיט אַלע מיטלען, אויף אַלע געביעטען.

און צווייטענס:

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס פיהרט איצט נאָך זיך ווידער דאָס גאַנצע פאָלק, מוז ווערען געאייניגט געשטאַרקט; זי מוז ווירקליך ווערען די

אַ קרבן פון דער ישיבה-פייערונג אין לובלין.

דער לעבעדיגער בר-מנן אויפ'ן פשעמישלאַנער בית-עולם.

צוליב דער פייערליכער ערעפנונג פון דער לובלינער ישיבה איז צווישען אנדערע חגיגה-געסט, אויך געקומען דער פשעמישלאַנער יונגערמאַנטשיק משה'לע בערקעלהאַמער.

משה'לע בערקעלהאַמער איז קיין פערברענטער חסיד נישט געוועזן, געקומען איז ער צוליב הרב שפּירא, וועלכען ער האָט גוט געקאָנט נאָך פון די צייטען, וואָס ער איז געווען רב אין גלינע, א שטעדטעל ביי פשעמישלאַני (מזרח-גאַליציען).

אין לובלין אין דער גרויסער ענגשאַפט און סטופּעניש, האָט זיך א' בערקעלהאַמער שטאַרק צוחיצט, און זייענדיג שטאַרק פערשוויצט, האָט ער זיך אָפּגעקיהלט מיט א יאַמעל-פּאָרציע ליאָדעס, פון וואָס ער האָט בעקומען א לונגען-אַנצינדונג.

ער איז באַלד אהיימגעפאָהרען, אָבגעלעגען עטליכע טעג און פאַר צוויי וואָכען זונטאָג איז ער געשטאָרבען.

וואָלט עס נישט מעהר געווען, ווי א טראַגישער ענין פאַר דער פאַמיליע פונ'ם פערשטאָרבענעם, מאַכט זיך אָבער אזא מעשה:

דעם זעלבען זונטאָג ביינאַכט איז אין פשעמישלאַני געווען נאָך א בר-מנן און ווען איציקעל דער קברן האָט זיך עלף א זייגער ביינאַכט צוריקגעקעהרט פונ'ם הייליגען אָרט, צוקומענדיג צום טויער פונ'ם בית-עלמין, האָט ער דערזעהן שטעהן פאַר זיך... משה'לע בערקעלהאַמער! דעם, וואָס ער האָט ערשט אין דער פריה אַליין מקבר געווען...

און כאָטש איציקעל קברן „ארבייט" שוין אין זיין פאַך עטליכע און דרייסיג יאָהר און, ווי ער פלעגט שטענדיג זאָגען, שרעקט ער זיך פאַר קיין מתים, — איז ער דאָך איצט, 11 ביינאַכט פּנים אל פּנים מיט'ן מת, וואָס ער האָט ערשט היינט אַליין מיט זיינע הענד מקבר געווען, — שטאַרק איבעראַשט געוואָרען, ממש פרחה נשמתו, און פאַר שרעק האָט ער נישט געקאָנט א וואָרט ארויספּרעדען...

— איהר זענט דער קברן? ווייזט מיר משה'לע בערקעלהאַמער'ס קבר, — האָט זיך צו איהם געווענדעט דער „מת"...

והקול קול ר' משה'לע...

און דאָס קול איז משה'לע בערקעלהאַמער'ס קול, וועלכען ער האָט גוט געקענט, מיט זיין צורה און בלאָנד בערדעל, ווי בייט לעבען...

מעהר געדענקט ער נישט, ווייל עס איז איהם פאַר שרעק פון די הענד ארויסגעפאַלען דער שווערער שטעקען מיט'ן לאַמטערן און ער איז געבליבען אין חלשות...

ווען מען האָט איהם אַראָבגעבראַכט אין שטאָדט אריין (דער „מת" אַליין האָט אַלאַרמירט די נאָהנטסטע קריסטליכע שכנים פון בית-עולם...) און דאָקטוירים האָבען איהם אויפגעמינטערט, האָט ער נאָך ארויסגערעדט עטליכע אָבגעריסענע ווערטער:

מחילה בעטען... ר' משה'לע בערקעלהאַמער... אוודאי שלעכט מקבר געווען... און באַלד האָט ער אין גאַנצען פערלוירען דאָס לשון מיט'ן דעת. ר"ל...

אין א שווערען צושטאַנד האָט מען איהם אָבגעפיהרט קיין לעמבערג.

וואָס שייך דעם „געהעניגען מת", האָט זיך ארויסגעוויזען פאָלגענדעס:

דער פערשטאָרבענער משה'לע בערקעלהאַמער שטאַמט פון ראַדזימין, וואו ער האָט נאָך עלטערען און א צווילינג-ברודער, נטע'לע בערקעלהאַמער.

מיט זיין פרוי האָט ער חתונה געהאַט דורך א ליעבע, אויף וועלכע זיינע עלטערען האָבען צוליב יחוס סבות נישט געוואָלט געבען זייער הסכמה.

משה'לע האָט זיך אָבער דערפון גאָרנישט געמאַכט און געגען די עלטערנ'ס ווילען חתונה געהאַט. אויף זיין חתונה איז קיינער פון זיין פאַמיליע נישט געווען.

און אזוי האָט ער אָבגעלעבט פיער יאָהר נאָך די חתונה, ער האָט קיין שום פערבינדונג נישט געהאַט מיט זיינע עלטערען און נישט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, וואָס האָבען איהם אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין דעם נישט-יחוס'דיגען שידוך...

ערשט ווען משה'לע איז שוין גוט שלאַף געווען, האָט זיך דערפון דערוואוסט זיין צווילינג-ברודער נטע'לע און איז, אָהן דעם וויסען פון די עלטערען באַלד אוועק צו זיין ברודער קיין פשעמישלאַני.

אָנגעקומען אהין איז ער זונטאָג ביינאַכט, שוין לאַנג נאָך דער לויה...

צו די פערהאַסטע מחותנים, וועמען ער האָט איצט אויך בעשולדיגט אין זיין ברודערס אומגליק, האָט ער נישט געוואָלט אריינגעהן און בעשלאָסען ארויפצוגעהן גלייך אויפ'ן הייליגען אָרט, זיך אויסוויינען אויפ'ן פרישען קבר פון זיין ברודער און איהם איבערבעטען פאַר דעם ביז-איצטיגען רוגז...

ארויפקומענדיג אויפ'ן הייליגען אָרט, האָט ער נישט געוואוסט, וואו צו געהן, און דערזעהענדיג דעם קברן האָט ער פשוט געוואָלט זיך ביי איהם פרעגען, וואו עס איז זיין ברודערס קבר.

יענער ווידער, צוליב נטע'לעס שטאַרקער עהנליכקייט אינ'ם אויסזעהן, און אויך אין דער שטימע צו זיין פערשטאָרבענעם ברודער (צווילינג-ברודער) האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן פערשטאָרבענעם...

ערענע, וואָס איז שלאָגפערטיג און טהאַט-פעהיג צו יעדער מינוט אויף יעדען פראָנט

זאָלען אונזערע פיהרער האָבען אויף וועמען זיך צו שטיצען אין דער איצטיגער ערגסטער איבערגאַנגס צייט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַט דער אשר זאָל זיך געווען אפילו בעשטעטיגען, האָב איך זיך געפיהלט טיעף געקרענקט און בעליידיגט. איך בין אַרומגעגאַנגען און כסדר געטראַכט, ווי עס זעהט דאָרט אויס דאָס לעבען אין יענעם דאָרף אין מיין אָבוועזענהייט. די אייפערזיכט אויף מיין פרוי, וואָס לעבט דאָרט אַצינד פראַנק און-פריי, אומגעשטערט מיט'ן פּאָלקאָווניק האָט מיך געפּרעסט און די בעליידיגונג, וואָס דער פּאָלקאָווניק ציהט יעצט געוויס אריין מיינע מעכטער אין זיין אויסגעלאַסענע נעץ האָט מיך משוגע געמאַכט. ס'האָבען פאַר מיר געטאַנצט פערשידענע עראָטישע בילדער, וואָס האָבען מיך ממש אויסגעשווינדערט. כ'האָב מיר אין דער פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט דאָס ערגסטע און דערפאַר בין איך געווען דערשלאָגען און אַרומגעגאַנגען ווי אָהן קאָפּ. מיין בעטריעבטע געמיטה און טרויריגקייט האָט בעמערקט דער פויער, מיין בעשיצער, און ער האָט מיך בערוהיגט, טרייסטענדיג:

— זאָרג דיך נישט, יעווריטשיק, האָב גאָרנישט קיין מורא, ס'וועט דיר דאָ ביי מיר גאָט בעהיט קיין שלעכטס נישט געשעהן. איך בין טאַקע אויך א אוקראַינער, אָבער אן ערליכער מענש, א געטרייער זוהן פון דער אוקראַינישער ערד, אָבער נישט קיין מערדער. חוץ דעם פיהל איך פאַר א הייליגען חוב דיך גוט צו בעהאַנדלען און צו בעשיצען דיין לעבען צוליעב יענעם סאָלדאַט, מיין בעסטער פריינד, וואָס האָט דיך דאָ אהער געפיהרט צו מיר. זייה נישט טרויריג, גאָלובטשיק. עס איז רויק און האָב נישט קיין פחד. איך בין פעראַנטוואָרטליך פאַר דיין לעבען—

מיין אוקראַינישער פויער האָט באמת אויסגעזעהן צו זיין א פריינדליכער מענש, אָבער אין דעם פאַל האָט ער נישט פערשטאַנען די ריכטיגע סבה פון מיין טרויריגקייט, וואָרום פון וואַנען זאָל ער זיין אַ נביא און טרעפען מיינע פערבאָרגענע געהיימניסען? האָב איך איהם גאָרנישט געענטפערט און די מרה שחורה האָט מיך אַלץ שטאַרקער געפאַנגען אין איהרע אָרעמס.

די גמינע צוריק איבערגעגאנגען אין רשות פון די אלטע פרנסים.

דער ענין זיין גמינע, אלטע גמינע און דער שאך-שפיעל ארויף און אראב האט די טעג שוין אנגענומען א ענד-גילטיגע ווענדונג. ענדליך איז די דאָזיגע פראגע, וואס האט געהאלטן די שטאדט אין שפאנונג שוין איניגע מאָנאטען, גענאנגען צו ענדע און געלעזען געווארן דעצידירענד. היינטיגע וואך האט זיך דער פאליטישער האריזאנט אין יעדער ראדאמער קהלה אויפגעלייטערט און די גמינע פיהרונג איז צוריק איבערגעגאנגען אין רשות פון פריהעריגען ראט מיט דער אלטער פערוואלטונג.

צוליב גרויסען אינטערעס, וואס דער ענין ארויף און אראב האט ארויסגערופען אין שטאדט, וועלען מיר דאָ פאר די לעזער איבערגעבען בפרטיות דעם גאנצען לויף פון די געשעהענישען אין די לעצטע טעג און ווי אזוי ס'איז ענדליך צינעסירט געווארן צום ביטול פון דער [illegible] ארים וועלכער ס'האט זיך אזוי פיעל געפוימעלט.

ווי מיר האבען מיטגעטיילט אונזערע לעזער האבען די אינטערעסענטען ביי דער מאכט פון דער אלטער גמינע געהאט א פעולה און ס'איז פעראָרדענט געוואָרען דורך דער וואיעוואָדשאַפט אין קעלץ, אז דער פריהעריגער ראט זאל צוריק ארויסגעהן אין גמינע און דאס פראוויזאריום זאל בטול ווערען. ווען די היגע סטאראסטווא האט וועגען דעם בעקומען א אפיציעלע מיטטיילונג האט זי גלייך וועגען דעם וואיעוואדא'ס רעזאָלוציע מודיע געווען דעם ראט און גלייכצייטיג איהם פעראָרדענט רעאליזירען דעם דאָזיגען בעשלוס. דער ראט האט תיכף גערופען א זיצונג דעם 9 ליפיעץ און געוועהלט א נייע פערוואלטונג, אין וועלכער ס'איז נישט אריין כמעט קיין איינער פון די אלטע פערוואלטונגס-מיטגלידער. מ'האט געהאלטען, אז די נייע וואהל איז דער לעצטער אקט און ס'בלייבט שוין ביי דעם. ווי ס'האט זיך אבער דערנאך ארויסגעשטעלט, איז אויף די וואהלען און בכלל אויף דער ערשטער ראט-זיצונג אריינגעטראגען געוואָרען אין סטאראסטווא א רעקורס מיט א דרינגע ריינע מאָטיווען מבטל צו מאכען אלץ, וואס דער ראט האט אויף זיין זיצונג בעשלאסען. דער רעקורס האט געגעבען רעזולטאטען און ס'פאריגע וואך — מיטוואך — האט דער וו. סטאראסטא ד"ר שיצער געמאלדען דער גמינע, ס'הייסט דער צייטווייליגער קהלה-פערוואלטונג, אז די וואהלען וואס דער ראט האט דורכגעפירט בי קריבען א נייער פערוואלטונג ווערען אנולירט און דער ראט דארף דורכפיהרען די וואהלען פון דער פערוואלטונג ביז'ן 20-טען ליפיעץ. לויט דער זעלבער מעלדונג איז אויסגעקומען, אז ביז דאמאלט בלייבט אמטירען דער פראוויזאריום.

פאריגען שבת האט די צייטווייליגע גמינע דערהאלטען א מעלדונג פון סטאראסטא ה' מאטיקאווסקי, וועלכער איז נאר וואס געקומען פון אורלויב, א מעלדונג, אין וועלכער ס'ווערט געזאגט, אז ער ציהט צוריק דעם רעסקריפט פון 16 טען ליפיעץ, ס'הייסט פון פריהעריגען מיטוואך. די וואהלען ערקלערט דער סטאראסטא אין נייעם רעסקריפט, וואס זענען פארגעקומען אויף דער ראט-זיצונג דעם 9-טען ליפיעץ ווערען אנולירט, ווייל זיי זענען נישט לויט די פערפליכטענדע געזעצען פון די קהלה פארשריפטען. גלייכצייטיג מעלדעט ער, אז ער נעמט צו די רעזיגנאציע פון די אלטע פערוואלטונגס-מיטגלידער פון די ה"ה: יששכר אדלער, שלמה איטרין, לייב מייזעלס, יודעל גאסטינסקי, מאטיל פרידמאן, בנימין לאנדוי, משה יצחק נירענבערג, אברהם טענענבוים, העניך ווינטרויב, נטע וויצמאן, און ער פעראָרדענט זיי ווייטער אויסצופיהרען זייער אמט אלס מיטגלידער פון דער פערוואלטונג ביז דער קאנסטיטואירונג פון דער נייער פערוואלטונג פון דער יודישער גמינע אין ראדאם.

דאס איבערנעמען די טהעטיגקייט — ווערט ווייטער מיטגעטיילט — דורך די אויבענדערמאנטע פון דעם פראוויזאריום דארף פארקומען אין משך פון 5 טעג אין דער אנוועזנהייט פון רעפערענט אין די סטאראסטווא הענ[illegible] סאווינסקי און נאטשעלניק פון סטאראסטווא-קאנצעלאריע גוסטאוו בעקער. די וואהלען פון א נייער פערוואלטונג באדיך פארקומען אין פערלויף פון 20 טעג.

אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע ענדערונגען איז היינטיגען דינסטאג גערופען געוואָרען א זיצונג פון ראט, אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען 18 פרנסים. אין אנהויב פון דער זיצונג ערקלערט פרעזעס פרענקעל, אז ה' לעשטש רעזיגנירט פון זיין מאנדאט און אויף זיין ארט איז שוין אריין דער קאנדידאט ה' מיכאל הופענהיים. נאכדעם ווערען פארגעלייענט דער ערשטער און דער צווייטער רעסקריפט פון דער סטאראסטווא. דאן קומען פאר וואהלען אויף א קאמיסיע פון 5 מאן, וועלכע דארפען אדורכפיהרען די וואהלען פון דער נייער פערוואלטונג. דער פרעזעס פערבעט צום צעהלען די שטימען די ה"ה פרנסים: קויפמאן (ציוניסטישע פראקציע), בלאס („אגודה") משה ראזענבוים (האנדווערקער - פראקציע) און מאטעל אייזענמאן (אונפארטייאישע). דער לעצטער ענטזאגט זיך מיטן מאָטיוו, אז מ'האט זיך מיט זיין פראקציע געוויליך נישט פערשטענדיגט.

אין רעזולטאט פון ציילונג ווערט געקליבען א וואהל קאמיסיע פון ראט, וועלכע בעשטעהט פון פאלגענדע ה"ה: פרענקעל, קויפמאן (ציונים), הורוויטש, וויסבלוט (אגודה), איידעלבוים (האנדווערקער). אלס קאנדידאטען: האמערשטיין, פישמאן, בלאס, אייזענמאן, ראזענבוים.

דער קאמיסיע ווערט געגעבען צייט אדורכצופיהרען די וואהלען פון דער נייער פערוואלטונג ענטשפרעכענד צום טערמין וואס איז אנגעוויזען דורכ'ן ה' סטאראסטא.

דער וו.-פרעזיצענדער טייטעלבוים טראגט אריין א פארשלאג, אזוי ווי ווי דעם 10 שיערפיען קומט פאר דער לעגיאָניסטען-צוזאמענפאהר אין ראדאם, זאל דער ראט פעראָרדענען דער פערוואלטונג צו אסיגנירען א סומע פון 300 זל. צוליב דעם [illegible] צוזאמענפאהר און דאס געלד זאל איבערגעגעבען ווערען דעם ארגאניזיר-קאמיטעט פון צוזאמענפאהר. דער פארשלאג ווערט איינשטימיג אנגענומען.

צום סוף מעלדעט פרעזעס פרענקעל, אז דאנערשטאג דעם 24-טען ד. ה. נעמט איבער אט ביעל די אלטע גמינע-פערוואלטונג די גאנצע קהלה-טהעטיגקייט פון פראוויזאריום.

ספאָרט.

בר-כוכבא — טור (וויערזשבניק) 5:1

וועגען דער מייסטערשאפט פון קל. „א" האבען די אויבענדערמאנטע ספארט-קלובען געשפילט א מעטש אין וויערזשבניק פערגאנגענעם זונטאג. דער לויף פון שפיעל איז געווען זעהר אינטערעסאנט. ביידע מאנשאפטען האבען געשפילט זעהר שארף. בעזונדערס האט די ב"כ - פערטיידיגונג ערשטקלאסיג פערטיידיגט איהר פאזיציע, אבער פאר דאס האט וועניג פונקציאנירט די שטורם-ליניע פון ב"כ, וועלכע האט געגעבען וועניג שאָסען אויפ'ן געגנערס טויער. ביז צו דער פויזע איז דער רעזולטאט 1:0 פאר טור.

אויף דער אנדערער העלפט האט ב"כ א לייכטע איבערמאכט, נאר צוליב דעם, וואס דער „אטאק" איז נישט גוט צוזאמענגעשפילט קען ער מעהר ניט דערגרייכען ווי איין גאל. ביז 20 מינוט פאר'ן סוף איז 1:1 אין די לעצטע מינוטען צעלט טור אומגעריכט 4 גאלען אויסנוצענדיג עטליכע גינסטיגע מאָמענטען. מיט'ן רעזולטאט 5:1 פאר די וויערזשבניקער ענדיגט זיך דער מעטש.

שיעדס - ריכטער ה' טשמיעל פון טשענסטאכאו—שוואך.

פראך זאגאזשדזשאן—מכבי 4:2 (4:0)

א שעהנעם נצחון האט אנגעהאלטען די היגע מכבי איבער פראך פון זאגאזשדזשאן, שפילענדיג א מייסטער-מעטש וועגען ער „א"-קל. דעם לעצטען זונטאג אין ראדאם. ווי ווייט מכבי האט שוין געשפילט און געהאט דעם טאג איז גענוג, אז ביז 25 מינוט פארן סוף פון גאנצען שפיעל האבען זיי געפיהרט 4:0, און נאר צוליב א פעהלער פון דער מכבי פערטיידיגונג איז פראך געלונגען צו מאכען 2 גאלען.

אין אלגעמיין האט די מכבי-מאנשאפט מיט'ן אויסנאהם פון איינצעלנע שפילער [illegible] איבערן גאנצען א שטארקע איבערמאכט. מיט'ן פערדינטען נצחון 4:2 פאר מכבי ענדיגט דער שיעדס-ריכטער ה' [illegible] דעם מעטש.

סאקול — טור 1:2

דער מעטש וועגען קל. „בע" צווישען די דאָזיגע דרוזשינעס איז פערענדיגט געוואָרען מיט'ן זיג פון סאקול 1:2.

שיעדס-ריכטער—ה' בייפלער.

סטזשעלעץ—יוטשניא 1:3

זעהר שוואך האבען געשפילט ביידע ספארט-קלובען. געענדיגט האט זיך מיט'ן נצחון 1:3 פאר סטזשעלעץ.

שיעדס-ריכטער - ה' דאנציגער.

גרויסע פארבערייטונגען צום מעטש בר-כוכבא—מכבי

שטענדיג ווען די צוויי יודישע דרוזשינעס בר-כוכבא—מכבי טרעפען זיך אין א מעטש איז דער אינטערעס א שטארקער, איבערהויפט א מייסטער-מעטש. ווי בעוואוסט, האט מכבי געזיגט אויפ'ן ערשטען מעטש מיט 2:1. אויפ'ן דאָזיגען מעטש וויל פון איין זייט ב"כ זיך רעוואנשירען און ווייזען, אז ער איז מייסטער פון די יודישע ספארט-קלובען אין ראדאם, און פון דער צווייטער זייט וויל מכבי זיך פעסטיגען אין א פלאץ אין קל. „א", אנדערש קען איהר דראהען אראפפאלען אין קל. „בע". צוליב די אלע דערמאנטע מאָמענטען זאגט זיך דער מעטש, וועלכער קומט פאר היינטיגען שבת, צו זיין געוואלדיג אינטערעסאנט.

ווי מ'גיעט איבער, זאל דעם דאָזיגען מעטש פיהרען דער היגער שוין-בעקאנטער גלענצענדער שיעדס-ריכטער ה' גלינקין פון ווארשא.

שיינבוים.

הלוואות פאר האנדווערקער.

פון האנדווערקער-קלוב בעט מען אונז מיטצוטיילען:

אין צוזאמענהאנג מיט'ן באשטימען פון דער רעגירונג גרעסערע הלואות פאר האנדווערקער אין פאר'ן ראדאמער פאוויאט פאראויסגעזעהן צו דעם צוועק א סומע פון 100 טויזענד זל. דער האנדווערקער-קלוב האט זיך דעריבער פערשטענדיגט מיט'ן דירעקטאר פון דער „באנק-גאספאדארסטווא קראיאוועגא". וועלכער האט צוגעזאגט צו נעמען אין אכט ביי דער הלוואות-פערטיילונג די יודישע האנדווערקער.

די אלע האנדווערקער, וואס ווילען געניסען פון די אויבענדערמאנטע הלוואות זאלען זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט פון יודישען האנדווערקער-קלוב אוועגד פון 9.30 ביז 10,30.

• • •

פון 1-טען שיערפיען וועט יעדען אוועגד אין האנדוו.-קלוב אמטירען א דעלעגאט, וואס וועט געבען אומזיסטע אינפארמאציעס וועגען אלע ענינים, וואס האבען א שייכות מיט די צעכען.

ראמאן צווישען א 45-יעהריגען סוחר און א יונגע שילערין.

חברה האט מכבד געווען מיט קלעפ דעם אלטען בעל-תאוה'ניק.

הערט א טשיקאווע געשיכטע. אין וועלכער די הויפט-העלדען זענען א 45 יאהריגער סוחר און א 19 יאהריגע שילערין.

דער דערמאנטער סוחר האט א גרויסען געשעפט, א פרוי און עטליכע קינדער. אזוישען זיי אויך א יונגער א שילערין. אז דער יונגער שילערין פלעגט אפט אריינקומען א חבר'טע, א יונג און שיין מיידעל, וועלכע איז דעם סוחר שטארק געפעלען געווארען.

ער פלעגט תמיד פארבלייבען אין שטוב ווען זי פלעגט אריינקומען, פלעגט זיך איצלען מיט איהר, און אין רעזולטאט האט דער סוחר דערשמירט, אז אין זיין הארצען האט זיך אויפגעוועקט צו זיין טאכטערס חבר'טע א שטארקער און טיפער ליבע-געפיהל.

ביסלעכווייז האט ער איהר צוגערעדט ארויסצוטרעטען פון שולע און האט איהר אינגאנצען אויסגעהאלטען.

די דאזיגע נאהענטשאפט צווישען איהם און א 19-יעהריגע פריילן, וואס איז אקארשט ערשט פון שול-באנק האט נישט געקאנט פארבלייבען לאנג בסוד און אין שיינעם פריהמארגען איז דערפון געוואויר געווארען דעם סוחר'ס פרוי. זי איז אהעק צו דער פריילן און האט דארט געמאכט א גרויסען סקאנדאל. זי האט אפילו געוואלט בעגיסען איהר יונגע קאנקורענטקע מיט וויטריאל. א מערכה, מען האט בעוויזען בעצייטענס ארויסצורייסען פון איהרע הענד די ברענענדיגע פליסיגקייט.

נישט געקוקט דערויף האט די פריילן נישט איבערגעריסען איהרע בעציאונגען מיט'ן סוחר און אין שטוב פלעגען טאג-טעגליך אויסברעכען סקאנדאלען. עס האבען נישט געהאלפען די טענות פון סוחר, אז אומזיסט איז זיין פרוי איינפערזיכטיג, אז די בעציהונגען האט ביינדען איהם מיט דעם מיידעל זענען ריין פלאטאנישע און אומשולדיגע.

די טעג ווען דער סוחר איז ווי תמיד בעגאנגען צו זיין יונגער פריינדין, האבען איהם אבגעשטעלט עטליכע יונגעלייט מיט שטעקענעס און איהם אנגעהויבען מכבד צו זיין מיט קלעפ, זאגענדיג דערביי מוסר, אז זיי וועלען איהם שלאגען אזוי לאנג, ביז ער וועט נישט אויפהערען צו טרעפען זיך מיט דעם מיידעל.

מען געפינט, אדער מ'ווארפט אונטער קינדער.

ראדאם געהט פארויס און פערמעסט זיך מיט די גאנץ גרויסע שטעדט אין פוילען א לא ווארשא—לאדז, ווארום דאס אונטערווארפען קליינע נפשות'לעך איז שוין א אלטע געשיכטע און כמעט א טעגליכער נאגג. ראדאם האט זיך א מנהג מתקנא געווען און איבערגענומען דעם זעלבען „מנהג".

דא באנץ נישט לאנג האט מען אויף די טרעפען פון הרב קעסטענבוים'ס וואוינונג געפונען א פיצעלע קינד. א מיידעלע, וואס האט געהאט אויף זיך א קוויטעלע געשריבען אויף יודיש, אז דאס קינד איז א יודישעס און מ'זאל עס איבערגעבען אין יודישע הענד. די טענשען, וואס האבען דאס קינד געפונען אויף די שטיגען האבען לכתחילה נישט געוויסט, וואס זיי האבען דערמיט צוטוהן און פארלויפיג איבערגעגעבען דאס קינד צו עמיצען אויף איבערצונעכטיגען איין נאכט, בעצאהלענדיג 10 זל. צומארגענס האבען זיך געמאלדען מעקלערקעס, וואס האבען פארגעשטעלט בעלנים אנצונעמען דאס קינד צו ערציהען נאר פאר... 200 זל. א חודש. מ'האט קוים געקריגען א ארט אבצוגעבען דאס קינד צו כאווען פאר 20 זל. א וואך. דער דאזער פון דער צייטווייליגער קהלה-פערוואלטונג ה' האכמאן האט זיך געווענדעט צום פינדעל הויז קיין ווארשא אויף אגראדאווא, אבער פון דארט האט מען געענטפערט, אז מ'קאן דאס קינד צונעמען, נאר בתנאי דער היגער מאגיסטראט זאל דערפאר אבצאהלען 3 זל. מיט 20 גר. א טאג. דער ראדאמער מאגיסטראט האט אייגענטליך אזא ערציהונג'ס-הויז, אבער דארט ווערען ערצויגען קריסטליכע קינדער. דאס קינד איז, אלזא, געבליבען ביי א יודישע ערציהערין פאר 20 זל. א וואך אויפ'ן חשבון פון דער גמינע.

קוים ערלעדיגט מיט איין קינד, איז די טעג אונטערגעקומען א צווייטע, אזא ענהליכע געשיכטע. היינטיגע וואך זענען געקומען צוויי יודען אין גמינע און איבערגעגעבען דעם ה' האכמאן, אז אין א קריסטליכען ערציהונגס-הויז געפינט זיך א יודיש קינד, א יונגעלע פון א יאהר, וואס מ'האט געפונען אויף די פעלדער פון די קאזשיניצער גאס. די יודען האבען דערצעהלט, אז מ'וויל דאס קינד אב'שמד'ען אויב ס'וועט עס פון דארט נישט ארויסנעמען. זיי זענען שוין געווען ביי הרב טייטעלבוים, וועלכער האט זיי אבגעשיקט צו דער גמינע.

די גמינע האט מיט די זעלבע יודען מיטגעשיקט א מוהל, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט, אז דאס איז הירקליך א יודיש יונגעלע. ה' האכמאן האט דאן ערקלערט, אז די גמינע קאן דאס קינד נעמען צו ערציהען אויף איהר חשבון באומן, אז דאס ערציהונג'ס-הויז וועט זיך ווענדען מיט אן אפיציעלען בריוו צו דער גמינע, אז זי וויל עס ארויסגעבען.

צוזאמענפליה פון ברית-תרומפעלדור.

אין ראדאם איז היינטיגען וואך געווען א גרויסע בעוועגונג פון די אלע אבטיילונגען פון ברית-טרומפעלדור פון ראדאמער קרייז. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין ראדאם אויפ'ן וועג צום צוזאמענפליה אין ווארשא, וואס קומט פאר די גאנצע היינטיגע וואך.

אין ראדאם האבען זיי זיך פעראייניגט מיט'ן ראדאמער ברית-טרומפעלדור, מיט וועמענס ארקעסטער זיי האבען צוזאמען מארשירט איבער די גאסען.

אויפ'ן ווארשעווער צוזאמענפליה וועט בעגייט ווערען דער פאהן פון דער ראדאמער ברית-טרומפעלדור.

ענטפער פון האנדווערקער-קלוב.

אויף אונזער מעלדונג אין פאריגען נומער צום האנדווערקער-קלוב רעגען נעמען שטעלונג אין א געוויסען ענין, האבען מיר בעקומען א ענטפער, אז דער האנדווערקער-קלוב האט דעם סכסוך צווישען זייגער צוויי ביטגלי'ער אויסגעגליכען אויף א עהרען-געריכט דעם 7-טען ליפיעץ. אבער, ווייזט אויס, אז די צדדים דרעהען זיך ארום מיט תירוצים, נישט צופאסענדיג זיך צום פסק פון עהרען-געריכט.

קעלצער אבטיילונג.

שטאדט-ראט גוהט אויף פעריען.

דאס פרעזידיום פון שטאדט-ראט, וועלענדיג ערלעדיגען פאר די פעריען א רייהע פראגען, וואס געפינען זיך אויף זיעם טאג-ארדנונג, האט בעשטימט דריי זיצונגען איינער נאך דער צווייטער אויף צו בעטראכטען זיי.

די ערשטע זיצונג איז אפגעהאלטען געווארען היינטיגען דינסטאג, דעם 22-טען. נאכן פארלייענען דעם פראטאקאל פון דער פריהערדיגער זיצונג איז בעטראכט געווארען פאלגענדע פראבלעמען:

דער מאגיסטראט איז בעפולמעכטיגט געווארען ארויסצוגעבען די שטאדטישע עלעקטראווניע וועקסלען אויף א סומע פון 40.000 זל. אויפ'ן חשבון פון זיוב, וואס עס קומט איהר פאר בעלויכטען די שטאדט. ביי דעם פונקט האט זיך ענטוויקעלט א קורצע דיסקוסיע. איינינגע ראטמענער האבען אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט, וואס די עלעקטראווניע הויבט אן שפעט בעלויכטען די שטאדט און לעשט אויס פריה. עס איז אנגענומען געווארען דער סטאטוט וועגען אינוועסטיציע-שטייער אויפצובויען א פאוושעכנע שולע אויף ניעכוואלאווסקי גאס. דער שטאדט-ראט האט בעשלאסען צומאכען א קורצטערמיניגע הלואה אין דער „באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא" אויף 100 טויזענד זל. אויף אויסצובויען א נעץ פון קאנאליזאציע און וואסער-לייטונג.

אין דער רייה פון פערשידענע פונקטען איז געקומען אויך אין בעטראכט דער פארשלאג פון דער טאניטאר-קאמיסיע וועגען א סובסידיע פאר דער אויסבויאונג פון איינינגע אפטיילונגען פאר אנשטעקענדע קראנקהייטען און קינפעטארינס אין די קעלצער שפיטעלער, ווי אויך דער פארשלאג פון דער ווירטשאפטס-קאמיסיע וועגען פערצאלירען דעם אונבאוועגליכען אינווענטאוש פון די הערשקאוויטשעס.

גרויסע אפערע אין קעלץ.

היינטיגע וואך האט די קעלצער פאליציי ארעסטירט א ווארשאווער דיסקאנטער, וואס איז בעקאנט אויפ'ן קעלצער ברוק. דער ארעסט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט א רייהע מיסברויכען, וואס דער זעלבער איז בעגאנגען צום שאדען פון איינינגע ציהנדליגער פירמעס. דער דאזיגער דיסקאנטער האט גענומען סחורה אויף וועקסלען אין די סחורה דערנאך פערקויפט.

ער האט געקויפט למשל אין לובלין א איטא, וועלכען ער האט דערנאך פערקויפט אין ווארשא, און אין קעלץ, האט ער געקויפט א גרעסערען סכום צוקער, טשעקאלאד, מאשינען צום שרייבען, לעדערנע טעקעס א. ד. גל., וועלכע ער האט דערנאך פערקויפט. ווי ס'ווייזט זיך ארויס פון דער אויספארשונג האט דער ארעסטירטער ה' ג. אויסגעפיהרט די דאזיגע אפעראציעס בשותפות מיט זיינעם א „פשיאטשעל" ד"ר ב., וועלכער האט פיגורירט אויף די וועקסלען, אדער אלס אויסשטעלער, אדער זשיראנט. דאס אלעס איז דערנאך קאפויער געשווימען און ס'איז אויך ענטדעקט געווארען, אז דער ארעסטירטער האט דיסקאנטירט א גרעסערע צאהל וועקסלען פון דער ווארשאווער יובילער-פירמע וואביא-וואבינסקי.

די אפערע נעמט ארום וואס אמאהל אלץ ברייטערע פארמען. בעת דער רעוויזיע האט די פאליציי קאנפיסקירט א גרעסערע צאהל סחורות.

דער ארעסטירטער ג. איז זיינער צייט געווען א בעאמטער אין טעלעגראף און פאסט-מיניסטעריום.

אויפ'ן צוזאמענפליה פון בית"ר.

(א י נ ד ר י ק ט ן).

אין צוג.

מיר פאהרען פון קעלץ. די ביתר'אוועס פון יענדזיעוו, דזיאלאשיץ א.א. פולען אויס דעם וואגאן.

די לופט ווערט באלד אנגעשטעקט פון די שטארקע פרעהליכקייט און פרייהייט-שטימונג. בעזונדערס צייכענט זיך אוים א דזיאלאשיצער חבר מיט זיינע גלייכווערטלעך.

עס הערשט א אויפמונטערונג. אויף יעדער סטאציע קומען צו נייע חברים. אין ראדאם שטייגט איין א גרופע פון 150 מאן צוזאמען מיט א ארקעסטער. באלד ווערען אלע צווישען זיך בעקאנט. מען בעט דעם ארקעסטער ער זאל עפיס שפילען. דער וואונש ווערט ערפילט און מ'ווערט נאך לעבעדיגער. פון אלע וואגאנען בעמיהען זיך פאסאזשירען צו אבסערווירען דאס בילד.

צוזאמען מיט דעם התלהבות ברענט אויך א היילינג פייערל אין די אויגען פון די אידעאליסטישע יוגענד. ווי גליקליך זענען די פיהרער, וואס האבען ערצויגען אזא מחנה.

אין ווארשא.

מען קומט אן קיין ווארשא. דער עולם שטעלט זיך אין רייען און הויבט אן מארשירען צום ספארט-פלאץ. אויפ'ן וועג שטעלן זיך אפ הונדערטער מענשען, וועלכע בעטראכטען לאנג די, צום ערשטען מאהל אין ווארשא מונדירטע יידישע יוגענד. די יודישע צושויער האבען הנאה, אבער אויך די קריסטליכע פיהלען א כבוד און בעטראכטען ערנסט די שטאלצע בית"ר-אווצעס.

שטעהט א עלטערער קאנדוקטאר מיט א פאר לאנגע פוילישע וואנסעס און זאגט שמייכלענדיג צו זיינעם א חבר: — יא, די יודען ווערען גוים, זיי האבען שוין אייגענע „הארצערשעס"...

די אקאדעמיע.

די ביעלאנקא גאס, וואו ס'געפינט זיך דאס טעאטער „נאוואשטשי", איז שווארץ פון מענשען. העכער 2 קילאמעטער פערנעמט דער צוג פון די „טרומפעלדארשטשיקעס". מיט פעסטע טריט געהען זיי אריין אייבגיגאנג אין זאל.

עס ווערען אלע בעגייסטערט. ביי טייל רעדנער ווי ד"ר גאלאנב, הערשטמאן א. א. בעגיסען זיך טרערען אין די אויגען. און באמת נאך קיינמאהל האט ווארשא נישט געזעהן אזא ריעזיגע יוגענד-מחנה, וואס איז גרייט יעדע מינוט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאר זיין פאלק און לאנד.

ל. ר.

דער אמעריקאנער חתן מיט א קעלצער כלה.

(פון די היגע מעשה'לעך.)

מיט א האלב יאהר צוריק איז אין קעלץ געווען א חתן פון באסטאן, אמעריקע, וואס האט געזוכט א כלה. נאכדעם ווי ער האט זיך איבערגעזעהן מיט א סך מיידלעך, האט ער צולעצט שוין א פאר טעג פאר'ן אבפאהר, אויסגעקליבען איינע, געשטעלט מיט איהר א חופה און אוועקפאהרען. נאכדעם האט ער איהר ארויסגעשיקט א שיפקארטע מיט פאפירען און זי איז אפגעפאהרען צו איהם. ער איז פון באסטאן געקומען קיין ניו-יארק, אראפגענומען איהר פון שיף, מ'איז אריינגעפאהרען צו איהרער א שוועסטער אין ברוקלין, פערבראכט דארט צוזאמען מיט דער פאמיליע דריי שעה און צום סוף האט ער געמאלדען, אז דער שידוך איז אויס. מ'וועט זיך מוזען גט'ן — און איז אליין אפגעפאהרען קיין באסטאן.

דאס איז די מעשה בקיצור. און איצט קומט דער פירוש:

דער יונגערמאן פערשטעהט א פנים, אז ער האט געטוהן נישט קיין שיינע שטיקעל ארבייט, האט ער אריינגעשיקט א גרויסען בריעף צו זיינע היגע קרובים, אין וועלכען ער פערענטפערט זיך פאר דער עובדא, ער בעט אויך, מען זאל זיינע טענות בעקאנט מאכען צווישען די אייגענע, כדי מען זאל נישט מיינען, אז ער איז א גזלן. האט איינע א קרוב'טע גערעכענט, אז דער בעסטער מיטעל, צו בעקאנט מאכען, איז די צייטונג און האט געבראכט דעם בריף צו אונז.

זיינע טענות זענען צוויי:

1. האט ער אבגערעדט מיט איהר נאך פאר דער חתונה, אז אויב ער וועט זיך אנטוישען און חרטה קריגען, זאל זי קיין פרעטענזיע נישט האבען.

2. האט זי איהם געזאגט, איז זי אלט 20 יאהר און אין דער מעטריקאציע-אפטיילונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי איז שוין אלט 23 יאהרן און לויט ווי ער האט זיך צוגעהערט מיט איהר שוועסטער אין ברוקלין, איז ער חושד, אז זי איז מיט נאך א פאר יאהר עלטער!

ער ווייסט, שרייבט ער, אז זי קען איהם רודפ'ען, פאדערען ביי איהם אלימענטען. אבער זי איז א קלוגע און וועט עס נישט טהון. ווארום וואסער שלעכטס האט ער איהר געטוהן?

אנדערע מיידלעך מאכען פיקטיווע

(סוף זייט 8)

קעלצער כראניק.

דער אַמעריקאַנער חתן

(סוף פון זייט 7)

חתונות, אבי צו קומען קיין אמעריקע, און ער האָט זיך פערבאָרגט געקומען איהר אָפּעפען און אַצט האָט זי בליי-בען אין אמעריקע, וועט זיין א פרייער מענטש, וועט קענען קריגען ארבייט, אָדער חתונה האָבען — ווי זי וועט וועלען.

און מען וועט אפילו קיין גט נישט דאַרפען — שרייבט ער — וויל ער האָט בכיוון, נישט זייענדיג זיכער אין זיין בעשלוס צו איהר זיך אפילו נישט צוגערירט, אזוי אַז מען וועט בלויז דאַרפען ארויסנעמען א פטור, און ער וועט ווייטער הייסען בחור, און זי — מיידעל.

הכלל, לויט זיינע רייד, קומט אויס, אז זי דאַרף איהם נאָך אָפּדאַנקען פאַר דער טובה...

קען טאַקי זיין, אז דער גט איז פאַר איהר א גרויסע טובה.

אין אויב אַנדערע מיידלעך, וואָס יאָגען זיך אַזוי נאָך אַמעריקאַנער חתנים, וועלען זיך אָפּלערנען פון דער מעשה א מוסר-השכל, — וועט עס פאַר זיי אויך זיין א טובה..

ספּאָרט.

מכבי — 4 פ. פ. לעג. 1:1

פערגאַנגענעם שבת האָבען די קעל-צער ספּאָרט-קלובען מכבי און 4 פ. פ. לעג. געשפּילט א מעטש אויפ'ן סאָקול-פּלאַץ. ביידע מאַנשאַפטען האָבען גע-ליפערט א גאָר שעהנעם שפּיעל. בע-זונדערס האָט מכבי ארויסגעוויזען א אַמביציע. ביז צו דער פּויזע אין דער רעזולטאַט 1:0 פאַר'ן 4 פ. פ. לעג.

אויף דער צווייטער העלפט האָט מכבי א גרויסע איבערמאַכט און מיט איהר גלענצענד שפּילען ציעלט זי א אויסגלייך-גאָל און מיט'ן רעזולטאַט 1:1 (רעמי) ענדיגט זיך דער אינטע-רעסאַנטער מעטש.

בעזונדערס האָבען זיך ביי מכבי אויסגעצייכענט: גרינבערג, הייזענבערג און לעווקאָוויטש.

דער דאָזיגער רעמי-רעזולטאַט האָט ארויסגערופען פיעל פרייד ביים יודי-שען עולם און ס'איז צו האָפען, אז מכבי וועט שטייגען אויף אַזוי פיל, אז זי וועט אין קורצען פערנעמען איינע פון די ערשטע פּלעצער צווישען די ערשטראַנגיגע קעלצער שטאַרקע ספּאָרט קלובען.

Wystrzegać się naśladownictw o podobnym brzmieniu



8-טונג! — 8-טונג!

סאָדע-וואַסער-פאַבריקאַנטן בעקער, שיך-סוחרים (שמוחניקעס) און אַנדערע.

די דרוקעריי

ד. שיינבוים

ראַדאָם, רינעק 10

נעמט · אָן אַלערליי דרוק-ארבייט ווי: באַנדראָלען און עטיקעטען צו סלעש-לעך לעמאָניאַדע, ברויט · קוויטלעך, פערשידענע שיך · עטיקעטען אויף אַלערליי קאָלירען און ד. ג.

100 וויזיטובקעס—נאָר 2 זל.

ביליגע פּרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!

ג. ח' רעדאַקטאָר!

דערמיט האָב איך דעם כבוד צו בעטען די ג. רעדאַקציע אָפּצודרוקען אין אייער ג. צייטונג פאָלגענדעס:

ביי מיר אין הויז וואוינט א געוויסער **סלמן אייזענבערג**, וועלכער פערנעמט א געוועלב און איז שולדיג פאַר צוויי יאָהר דירה-געלד און ער האָט ביי קיין שום פאַל נישט געוואָלט בעצאָהלען, ביז איך בין געוואָען גע-צווינגען איהם איינצוקלאָגען אין געריכט. נאָכדעם ווי איך האָב בעקומען אַן עקסמיסיע אויף איהם האָב איך געשיקט צו איהם עטליכע מאָהל מיט התראות דורכ'ן אדמיניסטראַטאָר און דורכ'ן ה' רובינשטיין (לובלינער 30) און ער וויל ביי קיין פאַל נישט בעצאָהלען. אפילו נישט ראַטעס-ווייז. דעריבער מעלדע איך די עפענטליכקייט. דאָס אויב איך וועל זיין געצווינגען אַדורכצופיהרען די עקסמיסיע, זאָל די ג. פרעסע נישט פיהרען געגען מיר קיין קאַמפּאַניע פאַר עקסמיסירען א יודישען לאָקאַטאָר.

מיט אַכטונג

ב. האַנצבערג.

בעקאַנטמאַכונג.

אכטונג קאַוואַליעס — בעזאָרגט אייך גלייך מיט גרויסע זאַפּאַסען גראָבען קאָקס פאַר שמידערייען און דראָבני קאָקס.

אַכטונג בליאַכאַזשעס — קויפט גלייך אַיין פרעפּאַרירטע סמאָלע צו שמירען דעכער.

אַכטונג טשעשלער — קאַרבאָלינעאום צו פּריפּאַרירען האָלץ קאָנט איהר גלייך בעקומען אין די גרעסטע קוואַנטומ'ס.

דאָס אלעס צו בעקומען די גרעסטע קוואַנטומס אין דער **שטאָט-גאַזאָווניע**

ביי בעדייטענד רעדוצירטע פּרייזען

לאַנג-טערמיניגע וועקסלען.

אין אייער אייגענעם אינטערעס ווענדעט זיך גלייך אין די גאַזאָווניע פערזענליך, אָדער טעלעפאָניש לויט דעם נומער טעל. 134 אָדער בריפליך אויף דעם פּאָסט-קעסטעל נומער 28.

געדענקט! אז ווינטער-צייט קאָסטען די אויבענאויסגערעכענטע פּראָדוקטען בעדייטענד טייערער.

ZARZĄD
GAZOWNI MIEJSKIEJ
w Radomiu.

Kino CORSO Teatr

Dziś i dni następnych
Sensacyjny dramat
W PIASKACH SAHARY
w roli głównej
Olive Borden, i Noah Beery
Na scenie rewja

Kino ODEON Teatr

Od poniedziałku 21 lipca r. b.
I. ROMANS PANNY OPOLSKIEJ
w rolach głównych:
Helena Bożewska, Danuta Czarnecki, Stefan Hnydziński, Gruszczyński i inni.
II. „LAWINA”
z JACKIEM HOLT'EM

Kino NOWE CZARY Teatr

Dziś i dn. następnych
I. „DEKABRYSCI”
(Spiskowcy w carskiej Rosji)
II. WYROK BEZ SĄDU
w rolach głównych:
LEE PARRY i HARRY LIEDKIF

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben” Radom Szwarlikowska 10.